

# גליון שבחים

גליון כ"ח | פסח תשפ"ד לפ"ק

## א בליק אויפ'ן סדר טיש

**"פסח** צייט, יום טוב צייט, דער סדר טיש איז צוגעגרייט" זינגען זיך אונטער די קליינוואַרג, אין דער צייט וואס דער יום טוב פסח שפרייט אויס אירע פליגלען אויף כלל ישראל אומעטום. נאך וואכן פון הכנות, כוחות, און אוממערמידליכע ארבעט, האלט מען שוין ברוך ה' ביים געהויבענעם יום טוב פסח; דער יום טוב וואס חזר'ט איבער די געוואלדיגע ניסים וואס השי"ת האט געטוען מיט כלל ישראל ביי יציאת מצרים, ניסים וואס זענען צעמענטירט געווארן אלס די סאמע יסודות פון כלל ישראל, אלע דאגות און טירדות ווערן געלייגט אין א זייט, און מען טרעפט א לעכטיגע סדר נאכט פול מיט ווארעמקייט, ליבשאפט פונעם אויבערשטן צו זיינע ליבע קינדער, און א ריכטיגע שמחת יום טוב.

אט אין אזא צייט איז דער ריכטיגער געלעגנהייט זיך אפצושטעלן א מינוט צוריקצוטראכטן מיט א ניכטערן בליק אויף די אלע חסדים וואס דער אויבערשטער האט אונז באגאסן ביז יעצט, מען זאגט דעם "שהחיינו וקימנו והגיענו לזמן הזה" - וויפיל ליגט דערונטער? ברוך ה' מען זיצט ביים סדר, מיט די קינדער ארומגענומען דעם טיש, יעדער איז געזונט ב"ה, מען האט מצות, וויין, מרור, אלע יום טוב'דיגע מאכלים, מען האט שווער געארבעט, אבער ב"ה עס איז דא פאר וועמען! די פלאג און מיה פון פאר יום טוב צאלט זיך אויס בכפלי כפליים, ווען מען זעט ווי די קינדער, קליינע און גרויסע, זיצן ביים סדר טיש און פרעגן די קשיות, זאגן שיין איבער די סימנים, עס איז ריינע אידיש נחת וואס באגלייט אונז א גאנץ יאר, און שפיגלט זיך אפ אינעם לעכטיגן יום טוב פסח.

ווען א מענטש מאכט חתונה בשעה טובה, ווערט זיין גאנצער וועזן אנגעפילט מיט גליק, ים'ען פון פרייד נחת און שמחה, אויף דעם געהויבענעם מאמענט וואס ער לעבט מיט, צו פירן זיין אייגענע קינד אונטער די חופה. אין אזא צייט ווערן אלע טירדות באזייטיגט, דער מענטש שפירט נישט קיין הונגער, קיין דורשט, קיין שום אומבאקוועמליכקייט קען אים נישט אוועקשלעפן פון זיין שמחה.

ווען מיר פארשטייען וואספארא גליק מיר זענען זוכה אין דעם יום טוב פסח, מיר זעען דעם "הוציאנו מעבדות לחירות", ווי גליקליך מיר זענען צו זיין דעם אויבערשטנס פאלק, וויפיל חסדים דער אויבערשטער באגיסט אונז א גאנץ יאר, און באזונדער אין דעם יום טוב פסח. ווערט דאך די הארץ איבערגעפילט מיט דאנק צום אויבערשטן. עס גיסט זיך איבער ביים זאגן הלל פסח ביינאכט, מען געבט ארויס די טיפע געפיהלן פון הודאה לה'.

עס ליגט אונז נאך גוט אין זכרון די העכסט אומאנגענעמע דורכגאנג וועלכע מיר אלע האבן דורכגעמאכט פארלאפענעם יאר, ווען מיר זענען געזעסן ביים סדר מתוך חושך ואפילה. טראצדעם וואס מיר אידן גלייבן אז יעדע שווערע סיטואציע קומט מיט א חשבון פון גרויסן באשעפער וועלכער פירט זיין וועלט מיט רחמים וחסדים, דאך קען ען זיך נישט פארהוילן פון דעם פאקט אז מיר זענען געפרואווט געווארן מיט א שווערן נסיון. אלזא ווען מיר זאגן דאס יאר די ווערטער "הוציאנו מאפילה לאור גדול", דארפן מיר באזונדער לויבן דעם באשעפער, אז ברוך ה' מיר קענען דאס יאר זיצן אין א ליכטיגן אטמאספער און אפגעבן א שבח והודאה אויף דעם אליין אז מיר קענען פראווען דעם יום טוב מתוך שמחה ואורה.

לאמיר, טאקע אויסנוצן ריכטיג דעם יום טוב, דאנקען דעם אויבערשטן, אויף זיינע חסדים יעדע מינוט און יעדע רגע, כי טוב ה' לעולם חסדו!

# ממשנתו של רבי אביגדור

משיחותיו של הג"ר **אבגידור מיללער** ז"ל



## דער יסוד פון דער שיטה פון רבי אלעזר בן עזריה: טוב להודות לה' ולזמר לשמך עליון, להגיד בבוקר חסך ואמונתך בלילות

### מען מוז דערמאנען דעם אויבערשטן'ס לויב שטענדיג

איך וועל יעצט אויסשמועסן וואס איז געווען דער יסוד פון רבי אלעזר בן עזריה'ס שיטה. דוד המלך זאגט אין **תהלים** (צ"ב ב'-ג') "להגיד בבוקר חסדך", צו דערציילן אינדערפרי דיינע חסדים, "ואמונתך בלילות", און צו דערציילן ביינאכט דיין שטאנדהאפטיגקייט. מיר דארפן פארשטיין וואס איז דער ריכטיגער פשט פון דעם פסוק. צו מיינט דוד צו זאגן אז מען דארף דערציילן השי"ת'ס שטאנדהאפטיגקייט בלויז ביינאכט, און זיינע חסדים דארף מען בלויז אויסשמועסן אינדערפרי? ניין! פשט אין פסוק איז ווי עס וואלט ווען געשטאנען "טוב להגיד בבוקר חסדך ובלילות" און "להגיד אמונתך בלילות ובבוקר". אט דאס איז דער פשוט'ער פשט אין דעם פסוק. אויב וועסטו לערנען תנ"ך ריכטיג, וועסטו זען אז אין זייער אסאך פלעצער איז דאס דער פשט.

וואס איז גוט פאר א מענטש? אז ער זאל יעדן אינדערפרי רעדן פון השי"ת'ס חסדים און שטאנדהאפטיגקייט און אויפדערנאכט זאל ער רע דן די זעלבע זאך. און וואס טוט מען אינצווישן? געוויס דורכאויס דעם טאג דארף ער אויך נאכאנאנד איבער'חזר'ן דאס זעלבע. מען הייבט אן מיט'ן אינדערפרי און מען ענדיגט נישט ביז ווילאנג מען גייט צוריק שלאפן, דאס זאלסטו טון דורכאויס דעם גאנצן טאג, דאס איז דיין אויפגאבע אויף דער וועלט.

דו ווילסט וויסן וואז איז דיין אויפגאבע? ווען דו דערקענסט זיך אינדערפרי באלד ווען דו מאכסט אויף די אויגן זאלסטו אנהייבן לויבן דעם באשעפער אז דו לעבסט! און דערמיט דארפסטו זיך האלטן פארנומען דורכאויס דעם גאנצן טאג ביז

## קוקסט דאך פארקערט...

דער באקאנטער מגיד משרים הגה"צ **רבי יענקעלע גאלינסקי** זצ"ל, וועלכער איז געווען פון די לעצט פארבליבענע נאווארדאקער תלמידים אין אונזער דור, דערציילט (ספר והגדת פרשת יתרו), אז ווען ער איז געווען אינג האבן די משכילים אנגעהויבן ארויסגעבן צייטשריפטן, כדי ארייגצוכאפן די אידישע יוגנט אין זייער פינצטערן נעץ. האט זיין מוטער ע"ה, ווילנדיג באשיצן אירע קינדער פון פרעמדע ווינטן, יעדן טאג אהיימגעברענגט דעם 'אידישן טאגבלאט' וועלכע איז ערשינען אויף דער דייטשער שפראך, אבער האט געהאט אויסגעהאלטענע סטאנדארטן, און מען האט עס געקענט ארייגברענגען אין אן ערליכע אידישע שטוב. יעדן נאכמיטאג, האט זיין מוטער געזאגט א 'שיעור כללי' פאר אלע שכנים וועלכע האבן נישט געקענט ליינען די דייטשע שפראך, און מיט דעם האבן זיי געהאלפן אויך אנדערע אידישע קינדער זיך אפהיטן און נישט זיך אויסמישן מיט די אויפגעריסענע פארשוינען דורכ'ן זיך אנליינען מיט זייערע פסול'ע צייטונגען.

אין א טאג, ווען די מוטער פון רבי יענקעלע איז געשטאנען אין קיך, וואו זי איז געווען פארנומען מיט צוגרייטן מאכלים, און די שכנים האבן שוין געווארט אין א דערנעבנדיגן צימער צו הערן איר 'שיעור', האט א שכינה גענומען דעם צייטונג אין האנט, און זעענדיג א בילד פון אן איבערגעדרייטן שיף, איז זי געווארן זייער דערציטערט, און איז ארייגעלאפן אין קיך צו רבי יענקעלע'ס מוטער, און איר אנגעשריגן: "וויאזוי קענסטו שטיין רואיג און שיילן קארטאפל, אין א צייט ווען א ריזן שיף האט זיך איבערגעדרייט מיט אלע אירע פאסאזשירן אין ים אריין?!...

הערנדיג איר 'טענה', האט רבי יענקעלע'ס מוטער זיך צעלאכט, און איר ערקלערט אז דא באריכטעט די צייטונג איבער א נייע שיף וועלכע איז ערשט פארטיג געווארן אויף א גאר פרעכטיגן אופן. נאר וויבאלד דו קענסט נישט ליינען וואס עס שטייט געשריבן אונטער'ן בילד, האסטו געהאלטן דעם צייטונג פארקערט. דעריבער מיינסטו אז די שיף האט זיך איבערגעקערט און אט אט פאלט זי אריין אין דעם אפגרונד...

רבי יענקעלע גאלינסקי האט אויסגעפירט די מעשה, זאגנדיג:

פון דעם האב איך זיך געלערנט א וועג אין לעבן, אז עס דאכט זיך אמאל פאר דעם מענטש אז עס איז קומען אויף אים א סך צרות. דאס איז אבער נאר דערפאר וויבאלד ער קוקט אויף אלעם 'פארקערט'. ער דארף נאר 'אויסגלייכן' זיין בליק און זיך מתבונן זיין מיט אן אויג פון אמונה, אז 'כל מה דעביד רחמנא לטב עביד', דעמאלט הכל על מקומו יבא בשלום.

## יסורים זענען בלויז אונז בעסער צו מאכן

אויב זאלן מיר ארויסלערנען די געוואלדיגע לעקציעס פון "עבדים היינו לפרעה במצרים", וואלטן מיר געמוזט מכיר טובה זיין דעם פרעה אויף דעם וואס ער האט אונז געטון. פרעה, עשו און המן, די אלע רשעים האבן אונז גרויס געמאכט. אלע אונזערע ליידן זענען ווירקליך געמאכט געווארן פאר דעם איינעם צוועק: מיר זאלן ווערן דאס בעסטע. דאס איז זייער א וויכטיגע לעקציע, אלע צרות וועלכע מיר ליידן פון די גוים איז בלויז פאר דעם ציל אז מיר זאלן ווערן נאך בעסער.

די מוטער פון **רש"י הקדוש**, ווען זי איז געווען טראגעדיג מיט רש"י, האבו זיי געוואוינט א שטיק צייט אין ווערמייזא, און זי פלעגט יעדן טאג גיין דאווענען אין ביהמ"ד. זי איז דורכגעגאנגען א געסל וואו עס איז געווען א בישאף א שונא ישראל וואס האט אפגעמאכט אז ער וועט שלעכט טון פאר רש"י'ס מאמע, און ווען רש"י'ס מאמע איז געגאנגען אין שול דורך דעם קליינעם געסל, איז דער בישאף פלוצלינג אנגעקומען רייטן אויף א פערד, און דער געסל איז געווען אזוי שמאל און עס איז נישט געווען וואו צו גיין, האט ער געוואלט איבערפארן רש"י'ס מאמע פון וואס זי וואלט גע'הרג'עט געווארן. רש"י'ס מאמע האט זיך צוגעדרוקט צום וואנט, און עס איז געשען א נס און עס איז געווארן אזא שפאלט אין דעם וואנט און דער וואנט האט זיך אריינגערוקט און דורכדעם איז ניצל געווארן. עד היום הזה איז דא א פלאץ אין ווערמייזא וואו מען האט במסורה אז דאס איז דער וואנט וואו רש"י'ס מאמע איז געראטעוועט געווארן בדרך נס.

מיר מוז פארשטיין, אז רש"י איז גרויס געווארן בלויז צוליב זיינע רדיפות. אויב רש"י וואלט ווען געלעבט אין די צייטן פון די תנאים, וואלט ער נישט געשריבן זיינע ספרים. אין יענע צייטן האט יעדער פארשטאנען די משניות, זיי האבן נישט געברויכט קיינע מפרשים און פירושים. אבער רש"י האט געלעבט אין א צייט ווען עס איז געווען שווער צו לערנען, און די גמרא וואלט ווען פארגעסן געווארן. איז דאן געקומען רש"י, און האט געראטעוועט דעם ש"ס פון פארלוירן גיין.

זעען מיר, אז רש"י איז גרויס געווארן אדאנק דעם וואס מיר זענען אין גלות. דאס זעלבע איז מיט אלע אונזערע ליידן, עס איז בלויז פאר דעם צוועק אונז בעסער צו מאכן. מען מוז וויסן, אז אפילו אויב א גוי שרייט נאך א איד אויף'ן גאס אפצושפעטן פון אים, איז דאס בלויז פאר זיין טובה. ווי מער זיי וועלן שפעטן

פון אונז אלץ מער שכר וועלן מיר באקומען פאר'ן נישט נאכלאזן פון אונזערע יסודות.

דערמיט קענען מיר פארשטיין דעם פסוק אין ישעיה (י"ב א') "ואמרת ביום ההוא", עס וועט קומען א טאג און דו וועסט זאגן "אודך ה'", איך דאנק דיר, השי"ת, "כי אנפת בי", וויבאלד דו האסט זיך געפירט מיט מיר אזוי ווי דו ביזסט דערצערנט אויף מיר. איר הערט? אט דער צארן וועלכן דו האסט מיר דעמאלט געוויזן, יעצט קוקן מיר צוריק און מיר זעען אז דאס איז געווען פאר אונזערע אייגענער טובה, וויבאלד דאס האט אונז גרויס געמאכט.

# מאמרי שבת

## הודאה אויף די טעגליכע נסים

דער **קב הישר** (פרק י"ח) שרייבט, אז עס איז נישט פאראהאן אזא מענטש צו וועם עס האט נישט פאסירט א נס. ספעציעל היינטיגע צייטן, ווען די צרות שטארקן זיך יעדער טאג טעגליך, און דער אויבערשטער האט אויף א מענטש ארויפגעשיינט א חוט של חסד און אים געראטעוועט פון אלע פגעים, אזא מענטש וועט שטענדיג געדענקען די חסדים פון דעם אויבערשטן און וועט נישט זיין קיין כפוי טובה.

נישט בלויז דאס, נאר יעדן מענטש פאר וועם דער אויבערשטער איז משפיע אויף אים א שפע פון ברכה: ער האט זוכה געווען צו זיצן אינדערהיים רואיג און פארזיכערט, ווען זיין פרנסה איז אים מסודר, דארף דאנקן און לויבן דעם אויבערשטן דערויף. ווי דער ספר **חרדים** ערוועגט, אז דער חיוב פון הודאה איז אין דעם כלל פון די מצות עשה פון "הגדתי היום לה' אלקיך כי באתי אל הארץ הטובה" (דברים כ"ו ד'), וואס איז א ציווי פאר די אלע וועלכע באקומען פון דעם אויבערשטן'ס טובות און השפעה, אז זיי זאלן אים אפגעבן א שבח והודאה און נישט האבן קיינע תרעומות, אזוי ווי די צרי העין פאר וועם דער אויבערשטער געבט עסן און מער פון וויפיל זיי דארפן, און פונדעסטוועגן טוען זיי זיך כסדר באקלאגן און וויינען, עכ"ל.

## הקב"ה האט אונז געוויזן די נסים

הקב"ה האט אונז נישט בלויז ארויסגענומען פון מצרים, ער האט עס נישט געמאכט נאטירליך, נאר "ביד חזקה", מיט א מעכטיגן האנט! דאס באדייט אז הקב"ה האט איבערגעדרייט די גאנצע נאטור קאפ אראפ און פוס ארויף פאר אונזער וועגן. אזאנס איז נאך קיינמאל נישט פארגעקומען און וועט מער נישט פארקומען ביז משיח'ס טאג.

היינט ביינאכט מוזן מיר אפלערנען דעם וועג וויאזוי השי"ת האט אונז ארויסגעצויגן פון מצרים. דאס איז די טעמע פון דעם סדר, און יעצט איז וויכטיג זיך אין דעם צו פארטיפן.

"ויוציאנו ה' אלקינו משם", הקב"ה וואלט אונז זייער גרינג געקענט ארויסנעמען פון דארט. השי"ת האט געקענט שיקן פאר פרעה א חלום פונקט ווי ער האט געשיקט פאר לבן הארמי, אדער פאר דעם אלטן פרעה וועלכער האט צוגענומען שרה אמנו, אדער אזוי ווי ער האט געמאכט אז אבימלך זאל חלום'ען ווען ער האט צוגענומען שרה. פרעה וואלט אויפגעשטאנען אינדערפרי, ער וואלט צונויפגערופן זיינע מיניסטארן און זיי איבערגעגעבן זיין באשלוס ארויסצולאזן די אידן, און מיר וואלטן ארויס און פארטיג.

אבער דא האט הקב"ה נישט אזוי געטון, "ואני אקשה את לב פרעה" (שמות ז' ג'), הקב"ה האט שטייף געמאכט פרעה'ס הארץ. דאס איז א זעלטענער פאל, הקב"ה האט צוגענומען פון א מענטש זיין בחירה, הקב"ה האט נישט צוגעלאזט אז פרעה זאל אונז ארויסשיקן. השי"ת חזר'ט דאס איבער אין עם חומש נאכאמאל און נאכאמאל, "למען שתי אותתי אלה בקרבו", כדי איך זאל ווייזן ווינדערליכע נסים. פארוואס? "ולמען תספר באזני בנך ובן בנך", כדי דו זאלסט דאס איבערגעבן אין די אויערן פון דיינע קינדער.

וואלטן מיר ארויסגעקומען פון מצרים דורך א חלום וואס פרעה האט געזען, וואס וואלטן מיר געקענט דערציילן פאר אונזערע קינדער? מיר וואלטן דערציילט אז פרעה האט געהאט א חלום... מיר האבן דעם חלום נישט געזען און מיר וואלטן נישט געהאט וואס אויסצושמועסן.

אבער ווייל "ויוציאנו ה' ממצרים ביד חזקה ובזרוע נטויה ובמרא גדול ובאתות ובמופתים (דברים כ"ו ח'), דעריבער האבן מיר היינט נאכט וואס צו דערציילן. מיר שמועסן אויס וואס עס האט אלץ דארט פאסירט, די איבערנאטירליכע געשעענישן וועלכע זענען פארגעקומען אין דער נאכט. און דאס איז עפעס פון וואס מיר רעדן נישט בלויז פסח ביינאכט, נאר אויך יעדער נאכט און יעדן טאג פון דעם יאר!

דו מאכסט צוריק צו דיינע אויגעלעך אויפדערנאכט. יעצט ווייסטו שוין וואס די פראגראם פון א איד איז!

דעריבער האט רבי אלעזר בן עזריה געזאגט, אז ער איז איבערצייגט אז מען מוז רעדן פון יציאת מצרים סיי בייטאג און סיי ביינאכט, אבער איך קען דאס נישט איבערווייזן. אבער דאס איז זיכער אמת אז דאס ווייניגסטע וואס א איד מוז טון איז צו דערמאנען יציאת מצרים צופרי און ביינאכט.

**זאגן די ווערטער איז נישט גענוג, מען דארף לעבן דערמיט**

אגב, ווען איר זאגט ביי קריאת שמע די פרשה פון ציצית, זאלט איר געדענקן אז מען מוז טראכטן פון יציאת מצרים. דער טעם פארוואס מען האט אריינגעלייגט די פרשה אין קריאת שמע איז נישט צו דערמאנען ציצית נאר צו דערמאנען יציאת מצרים. דעריבער, אויב איינער וועט אפליינען גאנץ קריאת שמע, און ער וועט נישט טראכטן וואס ער רעדט, וועט ער האבן פארלוירן די געוואלדיגע מצוה. אויב ווען ער האט געזאגט די פרשה פון ויאמר האט ער גענומען אן אויספלוג קיין אייראפע... און פלוצלינג דערוועקט ער זיך צום "ה' אלהיכם אמת" וואס דער בעל תפלה האט אויסגעלאזט... ער האט דערזעט זיך אז ער האט פארפאסט א געוואלדיגע געלעגנהייט, מוז ער כאטש אויסניצן די קומענדיגע געלעגנהייט. ווען ער הייבט אן "ויציב ונכון" זאל ער אינזין האבן ביי "אמת ממצרים גאלתנו ה' אלהינו ומבית עבדים פדיתנו", דאס איז זייער וויכטיג. אויב דו ביזסט איינגעשלאפן ווען דו האסט געזאגט "אני ה' אלהיכם אשר הוצאתי אתכם מארץ מצרים", זאלסטו כאטש אינזין האבן ביי "ממצרים גאלתנו ומבית עבדים פדיתנו". דאס זעלבע איז ביי מעריב, אויב דו האסט נישט אינזין געהאט יציאת מצרים ביי קריאת שמע, זאלסטו כאטש אינזין האבן ביי "ואמונה כל זאת" ווען דו זאגסט "הפודנו מיד מלכים".

זעען מיר אז רבי אלעזר בן עזריה האט דאס געוואוסט פון לאנג. ער האט בלויז געזוכט א רמז אין דער תורה איבערצוצייגן זיינע חברים, אז דאס איז מעיקר הלכה. פון דעם זעען מיר אז כלל ישראל האט אלץ געוואוסט פון אט דעם יסוד, און פון אייביג אן האבן מיר דאס פראקטיצירט. אידישע קינדער האבן שטענדיג גערעדט פון יציאת מצרים, מיר קענען זיך נישט פארשטעלן ווי אסאך יציאת מצרים איז געווען טייל פון דער טעגליכער שפראך ביים פאלק.

## כלל ישראל האט דורכאויס אלע יארן געלעבט מיט יציאת מצרים

ירמיהו הנביא זאגט (ט"ז י"ד-ט"ו), אז עס וועט נאך קומען א טאג ווען מען וועט מער נישט זאגן "חי ה' אשר העלה את בני ישראל מארץ מצרים", איך שווער אין דעם אויבערשטן'ס נאמען וואס האט אונז ארויסגענומען פון מצרים, נאר מען וועט זאגן "חי ה' אשר העלה את בני ישראל מארץ צפון ומכל הארצות אשר הדיחם שמה והשבתים על אדמתם אשר נתתי לאבותם".

מיר זעען דערפון אז אין ירמיהו הנביא'ס צייטן ווען א איד האט געשוואוירן, האט ער זיך באניצט מיט דעם אויסדריק: דער באשעפער וועלכער האט אונז ארויסגענומען פון מצרים! וויבאלד דאס איז זיי געליגן אויף דער צונג, נישט בלויז צופרי און ביינאכט, נאר א גאנצע צייט. דאס וואס די תורה איז מחייב צו דערמאנען אז דער אויבערשטער וויל אז מיר זאלן געדענקן א גאנצן טאג.

לאמיר זאגן אז דו זיצסט מיטאג צייט אין דיין אפיס אין מאנהעטן, אדער דו שטייסט אין דיין גראסערי אין בארא פארק, און מיר רעדן נישט פון פסח, לאמיר זאגן אז עס איז תשעה באב אדער א טאג פאר פורים, און דו דערמאנסט זיך אז דו ביזסט ארויסגעגאנגען פון מצרים, אט דאס ביזסטו מחויב צו טון! די מצות עשה איז טאקע אינדערפרי און אויפדערנאכט, אבער דער צוועק איז אז דו זאלסט שטענדיג טראכטן דערוועגן! "למען תזכר את יום צאתך מארץ מצרים כל ימי חייך".

## מיר זינגען שירה פאר'ן אויבערשטן

דער הייליגער **חוזה מלובלין** זי"ע זאגט, אז צוויי מאל א יאר ווערט נאכאמאל נתעורר דער נס פון קריעת ים סוף, שביעי של פסח און שבת שירה.

דאס איז מרומז אין דעם לשון פון פסוק "אז ישיר משה", א"ז איז ר"ת אל"ף זי"ן. אל"ף טייטשט 'לערנען', אזוי ווי דער פסוק (איוב ל"ג ל"ג) זאגט "ואאלפך חכמה". דאס מיינט שבת שירה, ווען מען ליינט פרשת בשלח. זי"ן איז מרמז אויף דעם זיבעטן טאג פון פסח, ווען משה רבינו און די אידן האבן געזינגען שירה פאר'ן אויבערשטן נאך דעם נס פון קריעת ים סוף. דאס איז דער פסוק מרמז, "אז" אין די דאזיגע זמנים, "ישיר משה ובני ישראל את השירה הזאת לה'", 'ישיר' איז סיי א לשון עתיד און סיי לשון הוה, וויבאלד יעדן טאג זינגען מיר די דאזיגע שירה פאר'ן אויבערשטן.

## ונצעק - ווען די טויערן זענען אפן

דער הייליגער **מהרי"ל** (הלכות הגדה) ברענגט א טעם פארוואס מען נעמט אן איי ביי דער סדר-נאכט, וויבאלד אויף דער ארמי'שער שפראך ווערט אן איי אנגערופן 'ביעא', וואס איז אויך פון דעם לשון פון 'תפלה' ווי דער **תרגום אונקלוס** טייטשט די ווערטער "בחרבי ובקשתי" (בראשית מ"ח כ"ב): "בצלותי ובבעותי". דאס איז צו מרמז זיין, אז "דבעא רחמנא בן ופרקינן", דער אויבערשטער האט געגליסט אין אונז און ער האט אונז אויסגעלייזט פון גלות מצרים. דאס איי טוט דעריבער דערמאנען דעם מענטש אויסצוניצן די שעת הכושר פון דער סדר-נאכט און בעטן פון דעם מלך מלכי המלכים הקב"ה, אז ער זאל אים אויסלייזן פון אלע זיינע צרות.

פסח ביינאכט ביים סדר, איז דער זמן מסוגל צו בעטן אויף אלעם וואס מען דארף האבן: בני, חיי ומזוני, וויבאלד דער אויבערשטער קומט דעמאלט אראפ מיט דעם גאנצן פמליא של מעלה און ער קוקט זיך אום אויף יעדן איד און אויף זיין עבודה. עס ווערט דעמאלט נתעורר די ליבשאפט פון דעם גרויסן פאטער אין הימל צו זיינע טייערע קינדער. אלע טויערן פון רחמים זענען דאן אפן, און דעריבער, אויב טוט דער מענטש דעמאלט מתפלל זיין ווי עס דארף צו זיין, דאן הערט דער אויבערשטער זיין תפלה, און ער ערפילט אלע זיינע בקשות לטוב ולברכה.

דער **דרכי משה** (סימן תע"ג סקי"ב) זאגט א טעם פארוואס מען וואשט זיך די הענט איידער מען עסט 'כרפס'. וויבאלד דער סיפור פון דער הגדה איז אזוי ווי תפלה, וואו מיר דערציילן דעם לויב פון דעם אויבערשטן ברוך הוא. דעריבער דארף מען זיך וואשן די הענט. קומט אויס, אז דאס עצם זאגן דעם נוסח פון דער הגדה איז אין דער בחינה פון א תפלה, און ממילא קען מען דעמאלט אלעס אויס'פועל'ן.

ספעציעל איז עס א גוטער זמן צו בעטן אויף פרנסה, אז דער אויבערשטער זאל צושטעלן אלעס וואס מען דארף, פאר זיך און פאר אלע אידן.

זעלבסטפארשטענדליך אז דאס מיינט נישט אז מען דארף פארוואנדלען די סדר-נאכט אין אן 'עצרת זעקה'... נאר די כוונה איז, אז אלע תפלות און בקשות זאלן געזאגט ווערן מתוך שמחה און הודאה צום באשעפער, עד הנה עזרונו רחמיך ואל תטשנו ה' אלקינו לנצח.

## דאגה בלויז איינמאל א וואך

דער גאון **רבי אברהם גניחובסקי** זצ"ל, דער ראש ישיבה פון דער טשעבינער ישיבה אין ירושלים, האט אמאל געזאגט - נאך וואס עס האט אויסגעבראכן א שריפה ביי אים אין שטוב, אין וועלכן עס זענען פארברענט געווארן טויזנטער בלעטער פון כתבי ידות, און עמיצער האט אים געפרעגט אויב "דער רב איז נישט פאר'דאגה'ט - אז א 'דאגה' איז עפעס וואס מען דארף בלויז האבן איינמאל א וואך, ווי דער **רמ"א** שרייבט (או"ח סימן ר"ס ס"א) אז מען דארף שערן די נעגל אויף א סדר פון 'בדאגה', צוערשט דעם צווייטן פינגער, דאן דעם פערטן פינגער, דאן דעם ערשטן פינגער, דערנאך דעם דריטן פינגער, און ביים ענדע דעם פינפטן פינגער... דאס איז די איינציגסטע 'דאגה' וועלכער א איד דארף האבן.

## די חסדים זענען מער פון די גבורות

דער באקאנטער סלאנימער חסיד הגה"צ **רבי מתתיהו לוריא** זצ"ל, שרייבט אין א בריוו צו א איד וועלכער האט זיך באקלאגט פאר אים איבער די צרות וועלכע האבן אים ארומגענומען, אז אויב מען וואלט אים געגעבן א וואגשאל און ער וואלט ארויפגעלייגט אויף איין זייט וואגשאל אלע חסדים וועלכע דער אויבערשטער טוט מיט אים, און אויפ'ן צווייטן זייט וואגשאל די צרות, וואלט ער געזען קלאר ווי 'די זייט פון די חסדים טוט איבערוועגן די זייט פון די צרות'. עס איז נישט קיין דמיון דער צאל פון די שלעכטס צו די פילע טובות, אזוי ווייט, אז ער וואלט געלאכט פון זיך אליין, אז ער זארגט זיך...

און רבי מתתיהו האט צוגעגעבן, אז דאס איז דער טייטש פון דעם פסוק אין **תהלים** (ק"נ ב') "הללוהו בגבורותיו הללוהו כרוב גדלו". 'רוב' איז פון דעם לשון 'ביטול ברוב', וויבאלד יעדער מענטש האט פעקלעך און פעקלעך פון עגמת נפש, איינער אזוי און איינער אזוי. אבער מען דארף וויסן, אז די אלע גבורות ווערן בטל אין רוב פון די אפענע חסדים וועלכע דער אויבערשטער טוט מיט'ן מענטש. און נאר נאר דאס, נאר אויך די 'גבורות' פון דעם אויבערשטן זענען בעצם 'חסדים', נאר זיי זענען פארדעקט און פארהוילן.

## הגליון נתנדב ע"י

מו"ה **יואל שלמה זלמן קליין** הי"ו
לעילוי נשמת מוה"ר **ברוך נטע עוזר** ב"ר **אלעזר** ז"ל
ולעילוי נשמת האשה החשובה מרת **מלכה רבקה חי'** בת ר' **משה צבי** ע"ה